**גוט שבת אלע אידן.** עס איז געווען אן ערב שבת, אין חודש כסלו תשי"א אין בני ברק, און מען האט ליידער געשפירט א טרויעריגקייט אין דעם הויז פון הרב אליהו דעסלער ז"ל. הרב דעסלער איז געווען א ליטווישער ראש ישיבה און גדול אין מוסר. הרב דעסלער איז דעמאלט אויפגעשטאנען פון זיצען שבעה ל"ע אויף זיין רביצן.

די רביצן איז נסתלק געווארן די פאריגע וואך פרייטאג צונאכטס, און יעצט האט הרב דעסלער זיך צוגרייט פאר זיין ערשטע שבת אליינס. א ריזיגע עולם איז געקומען אין די שבעה מנחם אבל זיין הרב דעסלער, דער משגיח פון דעם פאנעוויטשער ישיבה. הרב דעסלער האט געהאט זייער אסאך תלמידים און "חסידים" וואס זענען געקומען הערן זיינע דרשות. דער חזון איש ז"ל האט אפילו גערופן הרב דעסלער דער "גדול הדור בכוחות הנפש."

יעצט, א שעה פאר שבת, איז הרב דעסלער'ס דירה געווען כמעט ליידיג, דער עולם פון מענטשן איז אהיימגעגאנגען ווען די שבעה האט זיך געענדיגט ערב שבת. א תלמיד מובהק פון הרב דעסלער האט געהאלטן אינמיטן מסדר זיין דער משגיח'ס שבת טיש. דער בחור האט ארויסגעברענגט די פארשידענע כלים למשל די טישטוך, עסצייג, מיט די חלות און דעם בעכער, וכו'. בשעת דער בחור האט ארויסגענומען דעם בעכער וואס הרב דעסלער פלעגט נוצן יעדען שבת, האט דער משגיח אים פלוצלינג געזאגט שטילערהייט, "לייג אוועק יענע בעכער און נעם ארויס דעם אנדערען וואס ליגט דארט אין שאנק."

דער תלמיד איז געווארן איבראשט. וואס איז געווען דעם ענין צו נוצן דווקא די אנדער בעכער? ער האט געוואוסט אז אלעס וואס זיין רבי האט געטון איז געווען פאר עפעס א סיבה. דער תלמיד האט פארשטאנען אז עס איז נישט געווען די צייט צו פרעגן. דער תלמיד, וואס איז צוריקגעקומען צו עסן די סעודה מיט זיין רבי'ן איז געבליבן נייגעריג דורך די גאנצע סעודה. נאך די קאמפוט, האט דער תלמיד זיך שוין נישט געקענט צוריקהאלטן און ער האט געפרעגט זיין רבי'ן פאר וואס ער האט געטון אזוי מיטן בעכער. דאן האט רב דעסלער דערציילט אן אינטרעסאנטן מעשה.

הרב דעסלער איז געקומען קיין געיטסהעד ישיבה אין תש"א צו ווערן דעם ראש הכולל דארט. ווען דער פאנעוויטשער רב רבי יוסף שלמה כאהאנעמאן ז"ל איז געפארן קיין ענגלאנד צוזאמענצונעמען געלט פאר די ישיבה, האט ער זיך באקענט הרב דעסלער. אזוי שטארק האט הרב דעסלער געמאכט א גוטן רושם אויף הרב כאהאנעמאן, אז הרב כאהאנעמאן האט אים גערופן צו קומען קיין א"י אין תש"ו צו ווערן דער משגיח פון דער פאנעוויטשער ישיבה. אין תש"ט זענען הרב דעסלער מיט זיין בני בית טאקע געפארן קיין א"י וואו ער האט איבערגענומען די שטעלע פון משגיח.

אלע יארן זייט ווען זיי האבן חתונה געהאט אין תר"פ, האט הרב דעסלער אייביג געמאכט קידוש אויף א כוס וואס ער האט באקומען אלס דרשה געשענק פון הרב חיים עוזר גראדינסקי ז"ל, וואס האט עס באקומען פון זיין ערשטע פרוי'ס זיידע, דער באקאנטער בעל מוסר הרב ישראל סאלאנטער ז"ל.

יארן שפעטער, אין זייער ערשטע שבת אין בני ברק, האט הרב דעסלער גענוצט אן אנדערען בעכער פאר קידוש, נישט דער כוס וואס ער האט גע'ירשענט פון ר' חיים עוזר ז"ל. זיין רביצן האט דאס באמערקט און זי האט אים טאקע געפרעגט וועגן דעם.

הרב דעסלער האט מסביר געווען אז וויבאלד אז זיי האבן יעצט געוואוינט אין בני ברק וואו דער חזון איש ז"ל איז געווען דער גדול אין שטאט, איז ער טאקע מחויב געווען צו נעמען א בעכער מיט דעם גרעסערען "חזון איש שיעור." דער חזון איש האט גערעכענט די אלע שיעורים פאר מצוות גרעסער ווי אנדערע פוסקים, למשל די שיעור ווייון וואס א קידוש בעכער מוז האלטן צו זיין ראוי פאר קידוש. די ירושה בעכער וואס הרב דעסלער האט גענוצט ביז דעמאלט, איז געווען צו קליין לויטן חזון איש שיעור. וועגן דעם האט הרב דעסלער געוואלט נוצן דעם גרעסערען בעכער ווען זיי זענען געקומען וואוינען אין בני ברק.

אבער, הרב דעסלער'ס רביצן האט בכבוד גדול מחלק געווען מיט אים וועגן דעם בעכער. זי האט געטענהט אז אויב זייער ירושה בעכער איז גענוצט געווארן פאר אזויפיל יארן דורך גדולי הדור, אויב אזוי, פארוואס זאל עס נישט זיין גענוג כשר פאר זיי? הרב דעסלער האט זיך לכאורה מייעץ געווען מיט דעם חזון איש. נאכדעם האט ער נאכגעגעבן צו זיין רביצן און ער האט ווייטער גענוצט די קלענערע בעכער.

אבער יעצט, אז זיין רביצן איז אוועק, האט ער געוואלט גלייך פאלגען דעם פסק פונעם חזון איש און נוצן דעם גרעסערען בעכער.

די הייליגע תורה דערציילט די וואך ווי אברהם אבינו האט באפוילן זיין קנעכט אליעזר צו זוכן א שידוך פאר יצחק. אפילו אליעזר איז נאר געווען א קנעכט האט ער געפאלגט אברהם אבינו אזוי ווי א תלמיד פאלגט זיין רבי.

דער מדרש ברענגט אז אליעזר האט באמת געוואלט זיך משדך זיין מיט אברהם אבינו. דאס איז מרומז אין די פסוק ווען אליעזר זאגט: "...אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי וגו'" ד"ה "אפשר וועט דאס מיידל נישט וועלן חתונה האבן מיט יצחק, אויב אזוי זאלסט איר מסכים זיין צו נעמען מיין טאכטער פאר אייער זון." אברהם אבינו וואלט קיינמאל נישט מסכים געווען זיך צו משדך זיין מיט אליעזר, ווייל אליעזר איז דאך נישט געווען קיין רבי'שע אייניקל. (מדרש רבה בראשית נט,ט) אפילו אז אליעזר האט געוואלט נעמען יצחק פאר אן איידעם, האט ער מבטל געווען די אייגענע רצונות און ער איז אוועקגעפארן זוכן א שידוך פאר יצחק. פאר דעם האט אליעזר באקומען גרויס שכר. מען זעט פון דא דעם וויכטיגקייט פון פאלגען א רבי. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב לחתן גלעד שמשון נ"י לרגל שמחת נשואיו בשעטומ"צ

מזל טוב לחתן יעקב יוסף פעלדמאן נ"י לרגל שמחת נשואיו בשעטומ"צ

לע"נ ר' יעקב בן ר' נפתלי ע"ה :: נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)